# פרשת ויגש א׳ - ז׳ טבת תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויגש***

בשעות הערב (ליל זאת חנוכה) הדליק **רבינו שליט״א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בהדברי תורה האריך **רבינו שליט״א** לפלפל בדין שמן של נרות חנוכה אי הוקצה למצותו ואסורין בהנאה, ובחילוק של עצי סוכה ונר של שבת שמותר ליהנות ממנה אחר מצותו. וסיים בדברי **הרמב״ן** שנרות חנוכה הוא המשך ממצות הדלקת המנורה בבית המקדש, ואחר חורבן הבית השאיר לנו השי״ת מצות הדלקת המנורה, שכל זמן שהם מדליקין, ישראל עומדים. ובזמן הגלות השאיר לנו מצות הדלקת המנורה שעל ידה תהא נשפע הארת התורה בכל דור ודור, וחס ושלום שתשתכח תורה מישראל.

אחר הדלקת הנרות נכנסו חבורת בחורי קהלתנו הק׳ במאנסי, ומסרו **לרבינו שליט״א** חשבון של יותר מחמש מאות שעות רצופות שלמדו במשך שלש השבועות לפני חנוכה. **רבינו שליט״א** הביע הנאתו וקורת רוחו על התעלותם בתורה ויראת שמים, והאציל עליהם מברכותיו שיזכו להתגדל לתלמידי חכמים ויראי ה׳, וההורים יראו מהם רב תענוג ונחת.

*

***יום שני פרשת ויגש***

בשעות אחר הצהרים ערך **רבינו שליט״א** סעודת זאת חנוכה, ביחד עם תלמידי הישיבה קטנה והישיבה גדולה, וישיבה קטנה ׳אוצר התורה׳ במאנסי, בבית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות, נשמעו דברי תורה מאת **הרה״ג רבי אברהם דוד הורוויץ שליט״א** (ר״מ בישיבה גדולה).

אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש, בהמשך למה שדיבר אתמול בדין הוקצה למצוה שאסור בהנאה במצוה דאורייתא, אי נרות חנוכה הוה דאוריתא או דרבנן, ואי נרות המקדש היו אסור להשתמש לאורן. והרמז בזה לנר מצוה ותורה אור, שיעסוק בהם בלי שום תועלת והנאה גופנית. בברכת המזון נתכבד **הרה״ג רבי יוחנן האגער שליט״א** (מנהל ישיבה קטנה ׳אוצר התורה׳). בסיום הסעודה חילק **רבינו שליט״א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן סיום הדברי תורה:***

**...לענינינו** וואס מען זיצט דא מיט תלמידים פון די ישיבה, רבי אברהם דוד האט פריער ארויסגעברענגט דעם אשרנו מה טוב חלקנו, ווי חשוב דאס איז, וואס מען זיצט און מען לערנט אין בית המדרש היינטיגע צייטן, מען דינט דעם אייבערשטען, מען זונדערט זיך אפ ווי ווייט מעגליך פון די וועלט, זיך אוועקצוגעבן פאר תורה און עבודת ה׳.

**מען** זעהט ביי די מנורה אז עס איז געווען אסור להשתמש לאורה, די מנורה אין בית המקדש האט מען נישט געטארט זיך משתמש זיין לאורה. אפילו אונז מאך מיר נאר א זכר צו די מנורה, טאר מען זיך נישט משתמש זיין לאורה. פארוואס? ווייל מנורה דאס איז נר מצוה ותורה אור, די השפעה פון די מנורה איז געווען תורה און עבודת ה׳. די שבעה קני המנורה זענען מרמז אויף די תורה, חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א). תורה וואס א יוד דארף לערנען, און ער דארף מקיים זיין די תורה, דארף זיין בלתי לה׳ לבדו, אן קיין שום זייטיגע חשבונות. דער אייבערשטער האט געהייסען לערנען, לערנט מען! ער טוט וואס דער רצון ה׳ איז, אן קיין חשבונות פון הנאה וואס ער וועט האבן דערפון שפעטער.

**נרות** המנורה איז אסור להשתמש לאורה, נישט נאר אז עס איז אסור זיך צו באנוצען דערמיט, ווי אויפצועסן דעם שמן וכדומה, נאר אפילו קול ומראה וריח איז אויך אסור ביי קדשי קדשים, מעילה אין בה, אבל איסורא אית בה. און מעלה עשו בקדשי קדשים (פסחים כו.), אז מען זאל נישט נהנה זיין פון די נרות המנורה. אפילו נאר א קול, איך לערן הויך כדי א צווייטער זאל הערן אז איך לערן, אז מען זאל רעדן פון מיר אז איך האב געלערנט. מראה, איך זאל האבן א גוטע אויסזעהן, איך בין א וואוילער בחור וכדומה. ריח, עס זאל זיין ריחו נודף אויף זיינע מעלות. ווען עס קומט צו קודש, דארף א יוד זיך מקדיש זיין אויף קודש אליין. וואס עס האט צוטון מיטן אייבערשטען, איז עס נאר בלתי לה׳ לבדו, פארן באשעפער אליין.

**די** גמרא (נדרים סב.) פארציילט א מוסר השכל, אז רבי טרפון איז אמאל געגאנגען אין א פעלד, עס איז געווען סוף פונעם זומער, נאך די צייט וואס מען האט אראפגענומען אלע פירות פון די פעלדער, וואס די הלכה איז, אז נאכדעם וואס מען האט שוין אוועקגעלייגט די אלע כלים פונעם בעל הבית פון

אראפּנעמען די פּירות, זענען די פּירות וואס זענען דארט הפקר. ער איז אדורכגעגאנגען א בוים פון תאנים, און ער האט אראפּגענומען דערפון א תאנה. דער שומר האט עס באמערקט, [אין די גמרא איז משמע שפּעטער, אז א גאנץ יאר האט מען אים גע'גנב'ט דארטן פון די פּירות וואס ער האט געהאט, און דער שומר האט געהאלטן א אויג, ער האט געוואלט וויסן ווער דער גנב איז. און ווען ער האט געזעהן אז רבי טרפון איז אנגעקומען, און ער האט אראפּגענומען פון די פּירות, האט ער געכאפּט דעם גנב וואס גנב'ט ביי אים שוין א גאנץ יאר], האט ער גענומען א זאק און ער האט אריינגעלייגט רבי טרפון אין א זאק, און עס צוגעבינדן, ער גייט אים אריינווארפן אין וואסער אריין. רבי טרפון האט זיך נישט געקענט אקעגנשטעלן, אויפן וועג רופט זיך אן רבי טרפון, ווי פאר טרפון אז דער גייט אים יעצט הרג'נען. דער יוד האט געהערט אז דאס איז רבי טרפון, האט ער אים תיכף איבערגעלאזט, און ער האט אים גארנישט געטון, ער האט אים נישט אריינגעווארפן אין וואסער.

**זאגט** די גמרא, אז רבי אבוה האט נאכגעזאגט פון רבי חנניה בן גמליאל, כל ימיו של אותו צדיק היה מצטער על דבר זה. הפלא ופלא, ר' טרפון האט זיך שטענדיג מצער געווען, ואמר, און ער האט געזאגט, אוי לי שנשתמשתי בכתרה של תורה, ווי איז מיר אז איך האב זיך באדינט מיטן כתר של תורה. איך האב געזאגט אז איך בין טרפון, און אויף דעם ארויף האט ער מיך מציל געווען. דאס איז טייטש, ווייל איך בין א תלמיד חכם אזוי ווי רבי טרפון איז געווען. האט ער זיך שטענדיג מצטער געווען, אז ער האט זיך משתמש געווען בכתרה של תורה. מען רעדט פון א מענטש וואס מען שטייט אריינצווארפן אין וואסער, און אפשר על פי הלכה איז ער מחויב צו זאגן אז ער איז רבי טרפון, נישט גורם זיין אז א יוד זאל הרג'נען א יוד, און כל שכן ווען ער איז אומשולדיג אויף וואס מען טוט. ער האט עס טאקע געדארפט זאגען, אבער ער איז געווען א גרויסער צדיק, די גמרא רופט אים אזוי אן, כל ימיו של אותו 'צדיק', זיין צדקות איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט נישט געוואלט האבן קיין שום נוצן פון כתר של תורה, אז עס האט אים ווי געטון זיין גאנץ לעבן, אז ער האט זיך באנוצט מיט א כתר תורה, און דורכדעם איז ער ניצול געווארן.

**די** גמרא גיט צו ווייטער, זאגט די גמרא, נו וואס איז אז ער האט זיך משתמש געווען בכתרה של תורה, ואמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן, כל המשתמש בכתרה של תורה, נעקר מן העולם, ווען א מענטש איז זיך משתמש מיט כתרה של תורה, וועט ער נעקר ווערן פון די וועלט, קל וחומר, ומה בלשצר [בלשצר איז געווען איינע פון די מלכים וואס איז געווען נאכן חורבן פונעם בית המקדש, פאר די מעשה פון אחשורוש] וואס ער האט געהאט ביי זיך די כלים פונעם בית המקדש, און ער האט זיך משתמש געווען מיט די כלי קודש. ער האט געמאכט א סעודה, און ער האט ארויסגענומען די כלי קודש וואס ער האט געהאט, און ער האט עס גענוצט. די גמרא זאגט, אז ער האט זיך באנוצט מיט כלי קודש שנעשו כלי חול, די כלים האבן שוין נישט געהאט קיין קדושה, ווייל באו בה פריצים וחיללוה, פון ווען די אויבים זענען אריינגעקומען, איז אראפּגעגאנגען די קדושה פון די כלי קודש, און ער האט זיך באנוצט מיט כלי קודש וואס איז שוין געווארן חול, נעקר מן העולם, דכתיב (דניאל ה-ל) בה בליליא קטיל בלשצר, די נאכט איז גע'הרג'עט געווארן בלשצר וואס האט עס גענוצט. המשתמש בכתרה של תורה שהוא חי וקיים לעולם, על אחת כמה וכמה. די גמרא ברענגט ארויס ווי ווייט עס איז די עון, אז מען איז זיך משתמש בכתרה של תורה.

**די** גמרא זאגט דארט שפּעטער, לאהבה את ה' אלקיך, לשמוע בקולו ולדבקה בו (דברים ל-כ), שלא יאמר אדם, א מענטש זאל נישט זאגן, אקרא, איך וועל לערנען, שיקראוני חכם, כדי מען זאל מיך רופן א חכם. אשנה, איך וועל לערנען נאך מער, נישט נאר מקרא וואס מען האט פריער גערעדט, איך וועל ווערן נאך גרעסער, איך וועל ווערן א מגיד שיעור, איך וועל ווערן א ראש ישיבה. אשנן, שאהיה זקן ואשב בישיבה, זאלסט נישט אזוי זאגן. אלא למוד מאהבה, לערן תורה מאהבה, פון ליבשאפט צום אייבערשטען, וסוף הכבוד לבא, דער סוף וועט זיין אז דער כבוד וועט אנקומען פון זיך אליין. לערן נישט וועגן כבוד, לערן ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן לערנען תורה, פון אהבת ה' דארף מען לערנען. און ער ברענגט דערויף פסוקים, קשרם על אצבעותיך כתבם על לוח לבך (משלי ז-ג). לימוד התורה דארף זיין למוד מאהבה, מען לערנט נישט ווייל מען איז געצווינגען צו גיין לערנען, איך האב נישט קיין ברירה איך מוז גיין אין

ישיבה, איך לערען נישט וועגן דעם ווייל איך זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, נאכדעם וועל איך קענען האבן חיי עולם הזה. און נישט נאר חיי עולם הזה, איך קען האבן חיי העולם הבא, איך וועל קענען אויסוואקסן א ראש ישיבה, און איך וועל קענען מרביץ תורה זיין מיט אלעם, די גמרא זאגט, אז דאס איז משתמש בכתרה של תורה. א יוד דארף לערנען תורה מאהבה, פון ליבשאפט צום אייבערשטען. דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, ער האט אונז געהייסן לערנען תורה, לערנען מיר תורה.

**וואס** מען האט יעצט גערעדט, מיינט נישט ענק (תלמידי הישיבה)! ווייל עטץ זאלטס לערנען תורה כדי אויסוואקסן א תלמיד חכם, כדי איך זאל טרעפן א גוטן שידוך שפעטער, מען זאל האבן א גוטן נאמען. ווען מען לערנט תורה אין די יוגענט, לערנט מען אזוי תורה. די גמרא (פסחים נ:) זאגט, לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. אבער מען דארף וויסן דעם ציל פון תורה! איך בין טאקע נישט אין די מדריגה יעצט, אבער וואס איז מיין ציל אין לעבן, מיין ציל איז מקיים צו זיין די מצות פונעם אייבערשטען, אן קיין שום זייטיגע פניה, אן קיין שום זייטיגע מחשבות, נישט קיין קול, מראה, וריח, נאר עשה דברים לשם פעלם, דער אייבערשטער האט געהייסן טון, איך פאלג ווי א נאר, פתי יאמין לכל דבר, איך טו וואס דער אייבערשטער האט געהייסן טון. ער האט געהייסן לערנען, זיץ איך א גאנצן טאג און איך לערן, יעדע רגע ווייס איך, אז איך טו דעם רצון ה', און איך טו עס פארן רצון ה'.

**מען** איז טאקע יונג, און מען איז נישט אין די מדריגה. נישט נאר אז מען 'איז' נישט אין די מדריגה, נאר מען 'קען' נישט זיין אין די מדריגה צו לערנען מאהבה, ווייל א מענטש איז א חומר, און ער קען נישט האבן די השגה אין די יוגענט, צו לערנען נאר בלתי לה' לבדו, נאר פארן אייבערשטען. דאס איז דומה, ווי מען זאגט פאר א מענטש וואס איז הונגעריג, עס, אבער האב נישט קיין הנאה פון וואס דו עסט. עס איז נישט שייך. אז ער איז הונגעריג און ער האט א חומר, האט ער הנאה. מען קען נישט זאגן פאר א מענטש, לערן און האב נישט אינזין גארנישט, עס איז נישט שייך. און וועגן דעם, אין די יונגע יארן דארף א יוד לערנען תורה ומצות שלא לשמה, אבער ער מוז וויסן זיין ציל! נישט דאס איז מיין ציל. מיין ציל איז, אז איך זאל טאקע זיצן און לערנען, און עס וועט אנקומען דער אהבת תורה, און עס וועט משנה זיין מיין חומר פאר העכערע השגות, און דעמאלטס וועל איך צוקומען צו כתרה של תורה, וואס די תורה וויל, צו לערנען בלתי לה' לבדו.

**ווען** די גמרא זאגט, לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, מיר לערנען געוועינליך, אז דער פשט דערפון איז, אז דאס איז א הסבר. לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות שלא לשמה, וואס איז טייטש אז דו הייסט לערנען שלא לשמה? שמתוך שלא לשמה בא לשמה, דו וועסט שפעטער צוקומען צו דעם וואס דו דארפסט צוקומען. איך מיין אז דער פשט אין די גמרא איז, אז דאס איז א חלק פונעם ציווי. דו דארפסט טאקע לערנען תורה ומצות שלא לשמה, ווייל מען קען נישט אנהייבן מיט לשמה. אבער דו זאלסט געדענקען, אז וואס איך לערן יעצט תורה שלא לשמה, איז נישט ווייל דאס איז די אמת'דיגע תורה ווי עס דארף צו זיין, נאר איך מוז דאך צוקומען צו לערנען תורה לשמה, און מען קען נישט צוקומען צו לערנען תורה לשמה, ביז מען איז נישט געווארן א געזונטער תלמיד חכם, און זיך אנגעזאפט מיט תורה, אז מען זאל האבן די השגה צו קענען צוקומען צו לערנען תורה לשמה. לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות שלא לשמה, און דיין מחשבה זאל אבער זיין, שמתוך שלא לשמה בא לשמה, איך וויל צוקומען צו די מדריגה, דאס איז מיין ציל אין לעבן, עשה דברים לשם פעלם, למוד תורה מאהבה, צוצוקומען צו לערנען תורה מאהבת ה', אן קיין שום מחשבה זרה. אבער איך קען צו דעם נישט צוקומען פון זיך אליין, עס איז נישט מעגליך אין דער יוגענט זאל ער האבן די השגות, מוז איך לערנען תורה שלא לשמה, און הלוואי מיר זאלן זיצן און לערנען תורה שלא לשמה פון צופרי ביז ביינאכט, און נישט מבטל זיין קיין רגע פון תורה, אבער מיט דעם וואס עטץ זאלטס זיצן און לערנען אזויפיל תורה שלא לשמה, וועט די קדושת התורה מקדש און מזכך זיין דעם מענטש, וועט ער צוקומען דערצו, אז דער סוף וועט זיין, אז ער וועט לערנען תורה לשמה.

**און** דאס לערנט אונז די נרות חנוכה, וואס איז אסור להשתמש לאורה. נר מצוה ותורה אור איז געגעבן געווארן בלתי לה' לבדו, מען טאר זיך נישט משתמש

זיין לאורה. און אפילו קול ומראה וריח וואס דאס איז זייטיגע הנאות, ער לערנט אז דער צווייטער זאל זעהן, דער צווייטער זאל זאגן אויף אים א גוט ווארט, וואס בעצם איז דאך דאס נישט קיין השתמשות פון די תורה אליינס, עס איז נאר א זייטיגע זאך, וואס עס איז נישט דא קיין מעילה אפילו ביי קודש. אבער ביי קדשי קדשים האבן די חכמים געמאכט א מעלה, קול ומראה וריח אין בהן משום מעילה, אבער א איסור איז דא דערויף. מען דארף טאקע לערנען תורה שלא לשמה, אבער דער ציל דארף א יוד וויסן, און צוקומען דערצו, אז מען זאל קענען לערנען תורה לשמה.

*

**איך** האב געטראכט אסאך מאל אזוי, מען זעהט צדיקים וואס זיי האבן געדינט דעם אייבערשטען בגלוי. אלע זייערע עבודות, כמעט, ביי די רבי'ס און חסידים, איז דאך אלעס געווען ברבים. און הצנע לכת את ה' אלקיך (מיכה ו-ח), די עיקר עבודה פון א יוד דארף צו זיין הצנע לכת. בהצנע לכת קען א מענטש דינען דעם אייבערשטען, קיינער זעהט דיך נישט, נאר די פיר ווענט, דינט ער דעם אייבערשטען אן קיין שום זייטיגע פניה. אבער דינען דעם אייבערשטען שטענדיג צווישן הונדערטער און טויזענטער יודען וכדומה, איז א געוואלדיגע עבודת ה', אז מען זאל קענען מכוון זיין, כאילו עס וואלט געווען ליידיג דאס בית המדרש.

**אמאליגע** צדיקים זענען טאקע געווען אין די מדריגה, זיי זענען געווען אויסגעטון פון דעם עולם, זייער חומר האט נישט עקזיסטירט, עס איז נישט געווען ביי אים א נפקא מינה, ער האט די זעלבע געדינט דעם אייבערשטען צו עס איז געווען א פיל בית המדרש, צו ער איז געווען איינער אליין, צו קיינער נישט, עס האט אים נישט אנגערירט. אבער נישט יעדער איינער איז אין די מדריגה צו זאגן אז עס רירט נישט ביי אים אן ווען א צווייטער זעהט ווי אזוי ער לערנט און ער דאווענט. ער דאווענט אנדערש ווען ער איז צווישן טויזענט מענטשן, און יעדער קוקט אויף אים, ווי ער וואלט ווען געדאווענט ביי זיך אין שטוב.

**עס** איז געווען א געוואלדיגע עבודה ביי זיי, זיך קענען מצמצם זיין די מחשבה, און דינען בלתי לה' לבדו, זיי האבן זיך מפקיר געווען פארן כלל ישראל, ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי קענען אויפהאלטן מיט דעם די תורה ביי יודען, האבן זיי אוועקגעקוקט אויף זייערע שוועריקייטן וואס זיי האבן, און זיי האבן געדינט דעם אייבערשטען ברבים, אפילו עס מאכט זיך אז עס קען אמאל זיין וואס מען באנוצט זיך בכתרה של תורה, אין א בחינה פון קול ומראה וריח, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך אוועקגעגעבן. אבער דער ציל, דער תכלית דערפון איז, צוצוקומען אמאל צו די יארן וואס מען וועט נאך פארשטיין, אז אלע זאכן פון עולם הזה האט נישט קיין שום ווערד, און עס איז א שאד א מענטש זאל מאכן חשבונות פאר עניני עולם הזה, למוד מאהבה וסוף הכבוד לבוא, אויב עס איז באשערט כבוד, וועסטו ממילא האבן, עס איז נישט קיין חילוק וואס דו האסט געטראכט, וואס דו האסט נישט געטראכט. לערנען דארף מען תורה פארן אייבערשטן'ס וועגן, אן קיין שום זייט'יגע פניות.

**מיר** זענען נאך נישט אין די מדריגה יעצט, אין די יארן, מען רעדט פון די בחורים, וואס זאלן זיין אין די מדריגה. איך רעד צו מיר, איך וואלט שוין געדארפט צוקומען צו די מדריגה, אז מען זאל טאקע נישט האבן קיין שום זייטיגע מחשבות, און דינען דעם אייבערשטן מאהבה. אבער סוף כל סוף דאס איז די עבודה פון א יוד, צו וויסן אז דער תכלית איז, נרות מקדש, נר מצוה ותורה אור, איז אסור להשתמש לאורה, מען טאר זיך נישט משתמש זיין בכתרה של תורה. רבי טרפון האט זיך מצטער געווען אויף כתרה של תורה וואס האט אים מציל געווען פון מיתה, ער זאל קענען לעבן. ער איז געווען א גרויסער צדיק, אז ער איז געווען אין די מדריגה, אז אפילו אויף דעם האט ער געהאט צער, סוף כל סוף האט ער עפעס נהנה געווען מכתרה של תורה. דאס איז די מעלה וואס איז דא בקדשי קדשים. פון קודש קדשים טאר מען נישט קיין הנאה האבן אפילו מיט קול ומראה וריח, וואס בעצם איז עס נישט קיין טאפעדיגע הנאה, פון דעסטוועגן דאך, איסורא אית ביה.

**און** דאס איז דער לימוד וואס מען דארף זיך מיטנעמען פון די נרות חנוכה, אז נישט נאר ביי נרות חנוכה איז אסור להשתמש לאורה, נאר יעדע מצוה איז הוקצה למצותו. הוקצה למצותו איז טייטש, אז דו האסט עס מקצה געווען פאר א מצוה, קען מען

דערפון נישט נהנה זיין, ווייל א מצוה מיט הנאה גייט נישט צוזאמען. אויב דו האסט מקצה געווען די זאך, דאס איז פאר א מצוה פונעם אייבערשטען, האסטו זיך אפגעזונדערט דערפון, דאס איז נישט געמאכט געווארן מער, אז מען זאל קענען פון דעם הנאה האבן פאר זיך אליין, דאס איז געמאכט געווארן פארן אייבערשטען'ס וועגן, דו האסט עס אוועקגעגעבן.

**און** ווי מען האט פריער גערעדט, מען דארף זיין א מוסיף והולך, מען טאר נישט זיין צופרידן מיט וויפיל מען האט, יעדער האט זייער אסאך מעגליכקייטן אויסצוואקסן זייער גרויס. **איך זאג אסאך מאל צו די בחורים, אז נישט פון די עילויים האט די וועלט נהנה געווען, נאר פון די בינונים.** די עילויים, ער איז געווען א גרויסער קאפ שטיק, ווען ער איז געווען אין ישיבה איז ער געווען זייער גרויס, ווייניג פון די זענען געבליבן באהלה של תורה, וואס די וועלט זאל האבן הנאה פון זייער תורה. **א דורכשניטליכער בחור וואס האט זיך געפלאגט פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און זיך מעמיק געווען אויף יעדע שורה אין די גמרא ער זאל עס פארשטיין, און אריין כאפן נאך א בלאט גמרא, נאך א בלאט גמרא, די זענען אויסגעוואקסן די תלמידי חכמים וואס די וועלט האט נהנה געווען פון זיי.**

**איך** בין שוין נישט קיין יונגערמאן, איך בין אויך געווען אין ישיבה, איך האב מיטגעהאלטן, א גאנצע כתה פון בחורים, און נישט איין כתה נאר צוויי און דריי, איך זעה וואס איז אויסגעוואקסן פון די עילויים פון זיי, און איך זעה וואס איז אויסגעוואקסן פון די בינונים וואס איז געווען צווישן זיי. די וואס מען האט נישט געטראכט אז די וועלן אמאל זיין פון די גרויסע, די האבן מצליח געווען. זיי האבן געלערנט אן קיין שום חשבונות, און אריינגעכאפט נאך א בלאט גמרא און נאך א בלאט גמרא, ביז זיי זענען צוגעקומען, סוף הכבוד לבוא.

איך וואלט געטייטשט אביסל אנדערש וואס די גמרא זאגט, למוד מאהבה וסוף הכבוד לבוא. 'ובא' השמש איז נישט נאר דער טייטש, אז די זון קומט אויף, ובא השמש איז אויך טייטש ווען עס גייט אונטער. ווילאנג מען איז נאך יונג, האט מען נאך חשבונות פון כבוד. אבער לערן תורה מאהבת ה', אז דער סוף וועט זיין, כבוד וועט נישט האבן ביי דיר קיין שום אינטערעסע. דער כבוד איז לבוא, כבוד וועט נישט מאכן ביי דיר קיין עסק. עס איז א שאד אוועקצוגעבן קדושת התורה פאר נארישע כבוד, וואס מען האט אויף די וועלט.

**מוסיף** והולך זיין בלימוד התורה, א האלבער זמן איז שוין באלד אדורכגעגאנגען, עס קומט א צווייטער העלפט פונעם זמן, מיט א פרישען חשק. מען האט פריער געהערט, אנהייבן ממשיך צו זיין די השפעות פון נר חנוכה גראד אריין אין די קומענדיגע טעג, מוסיף והולך צו זיין. עס איז דא נאך א גרויסער חלק פונעם ווינטער וואס מען קען אויסנוצען ערב ובוקר וצהרים, יעדע מינוט וואס מען האט, מקדיש זיין פאר תורה, און זיין אפגעזונדערט פון די וועלט ווי ווייט מעגליך, און זיך נאר אוועקגעבן פאר תורה, דעמאלטס איז מען זוכה שפעטער צו כתרה של תורה. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל קענען מיטנעמען די השפעות טובות פון די הייליגע טעג פונעם חנוכה, אויף א גאנץ יאר, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה ובטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

*__יום שלישי פרשת ויגש__*

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **כ"ק הגה"צ מקארלסבורג שליט"א** שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

*__מתוך השיחה:__*

**א' האבלים:** עס איז געווען דא דער לימנוב'ער רב, האט ער דערציילט, אז אמאל איז דער **פאפא'ער רב זצ"ל**, געווען ביי א ניחום אבלים צוזאמען מיטן **צעהלימער רב זצ"ל**, און דער פאפא רב האט זיך אנגערופן, אז עס שטייט אין **שלחן ערוך** (יו"ד שעו-א), אז דער אבל דארף אנהייבן צו רעדן. האט דער פאפא רב געזאגט, אז ער מיינט, אז טאמער דער אבל הייבט אן צו רעדן אנהייב טאג, איז עס גענוג. האט דער צעהלימער רב געזאגט, אז ער מיינט אז טאמער דער אבל האט אנגעהויבן צו רעדן אנהייב פון די אבילות, איז דאס שוין גענוג אויף די גאנצע אבילות. דער צעהלימער רב האט געזאגט, אז אמאל

איז געווען קליינע דערפלעך, און מען האט זיך געקענט, אבער היינט ווען עס איז גרויסע שטעט, קען עפעס דער אבל אנהייבן צו רעדן מיט יעדן איינעם?! דער לימנוב'ער רב האט געזאגט, אז ער ווייסט נישט צו דער צעהלימער רב האט עס געזאגט אזוי ערנסט אז מען קען אזוי טון. אבער דאס וואס דער פאפא רב האט געזאגט, האט ער טאקע אזוי געהאלטן, אז עס איז גענוג ווען ער הייבט אן צו רעדן אנהייב טאג.

**רבינו:** עס איז מן הסתם היינט אנדערש אין שכל אויך. אמאל איז נישט געווען קיין צעטליך, עס איז נישט געווען אז מען האט מודיע געווען. עס איז געווען א אבל אין שטאט, און עס איז געווען צייטן וואס ער האט געוואלט אויפנעמען געסט, און עס איז געווען צייטן וואס ער האט נישט געוואלט אויפנעמען. אבער היינט וואס מען איז מפרסם אז מען זיצט שבעה פון דעמאלטס ביז דעמאלטס, איז דאך דער טייטש אז עס איז אים ניחא אז מען זאל קומען, פארוואס דארף ער אנהייבן צו רעדן צו ווייזן אז עס איז אים ניחא, ער ווארט דאך אויף דעם.

איך האב פונקט די פאריגע וואך געזעהן אויף די גמרא (ברכות ו:), אגרא דבי טמיא שתיקותא, אז שתיקותא איז דער טייטש, אז ווען ער קומט און ער זעהט אז דער אבל רעדט נישט, און ער בלייבט שטיל, און ער זאגט גארנישט, באקומט ער שכר אויף די שתיקה (עיין **במהרש"א** שם).

**א' האבלים:** מען דערציילט א מעשה וואס איז געווען מיטן **סטייפלער**, אז ער איז אמאל געקומען אויף א ניחום אבלים, און ער האט געווארט אז דער אבל זאל אנהייבן צו רעדן, און דער אבל האט נישט אנגעהויבן. אזוי איז געווען א לענגערע צייט. האט דער סטייפלער זיך געמאכט ווי ער זוכט עפעס. האט דער אבל געפרעגט וואס ער זוכט, האט ער געזאגט, איך האב שוין געטראפן...

**רבינו:** אמאל באקומט מען שכר פאר רעדן, און אמאל באקומט מען שכר פארן שווייגען. מלה בסלע משתוקא בתרין (מגילה יח.).

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

***יום רביעי פרשת ויגש***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ברוך הערש שווייד** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והשמיע דברי חיזוק והדרכה, להמורות בבית ספר גבוה דמוסדותנו הק' בבארא פארק, באולם שע"י בית מדרשנו.

***וזה תוכן הדברים:***

**מען** האט מיך געבעטן צו רעדן א פאר ווערטער פאר די חשובע מחנכות, טיטשערס און לערערנס דא אין היי-סקול. איך וויל ארויסהייבן די געוואלדיגע חשיבות פון די לערערנס, וואס געבן זיך אפ מיט די יונגע קינדער, זיי מחנך צו זיין אויפן ריכטיגן וועג על דרכי התורה והיראה, אשריכם מה טוב חלקיכם. מען דארף וויסן די מעלה וואס מען האט, און די גליקליכקייט, אז מען טוט אין עבודת הקודש. די עצם זאך אליין, היינט איז דא אסאך וועגן ווי אזוי מען קען ברענגען פרנסה אין שטוב, און עס איז נישט פון די בעסטע דזשאב'ס וואס מען האט, וואס מען באצאלט די מערסטע, אבער די חשיבות פון זיך נישט דארפן דרייען אויף די גאס, קענען זיצן אין א הייליגן אטמאספער א גאנצן טאג, האט פאר זיך א געוואלדיגע חשיבות אליין, וואס מען קען עס נישט באצאלן. דאס איז אפילו ווען מען וואלט זיך געדרייט אין דעם מקום, אן צו טון די ארבעט וואס מען טוט. און כל שכן אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז מען האט די מעגליכקייטן, און די כשרונות, אויפצושטעלן יודישע שטיבער, יודישע מאמעס פונעם קומענדיגן דור, וואס יעדעס קינד פאר זיך איז א עולם מלא, א וועלט פאר זיך, דארף מען דאנקן און לויבן דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט געגעבן די זכיה, אז מען קען טון די ארבעט.

**מען** שטייט נאך די טעג פון חנוכה, יעדער ווייסט וואס דער נס פון חנוכה איז געווען, אז די יוונים האבן זיך פארלייגט אויף די תורה, זיי האבן זיך

פארלייגט אויפן בית המקדש, מען זאל נישט קענען טון די עבודה. זיי האבן מטמא געווען אלע אויל וואס איז געווען, און צום סוף בשעת מען האט זיי באזיגט, און מען איז אריינגעקומען אין בית המקדש, האט מען נישט געטראפן מער ווי איין קריגל טהור'ע אויל, אלעס איז געווען טמא. און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, אז מען זאל קענען צינדען די גאנצע אכט טאג. דער נס איז געווען אזוי חשוב ביי חכמים, אז מען האט געהייסן צו מאכן אויף דעם א זכר אויף אלע דורות שפעטער. מען געפונט נישט אויף יעדע נס וואס האט פאסירט מיט טויזענט און צוויי טויזענט יאר צוריק, אז מען דארף מאכן א זכר דערויף, און אויף דעם נס האבן די חכמים מתקן געווען צו מאכן א זכר די טעג פון חנוכה. וואס איז דער נס אנדערש פון די אנדערע ניסים.

**עס** שטייט פונעם **חידושי הרי"ם**, האט ער געזאגט, א גוי איז על פי תורה נישט מטמא. ער איז טמא, אבער ער קען נישט איבערגעבן די טומאה פאר א צווייטן. וואס ער רירט צו, איז מן התורה נישט טמא. א יוד האט קדושה, האט ער טומאה אויך, און ווען ער רירט צו א זאך ווען ער איז אומריין, איז ער מטמא די זאך. ווי אזוי האבן די יוונים מטמא געווען די אויל? זאגט דער חידושי הרי"ם, אז די חכמים האבן גוזר געווען א טומאה אויף א גוי. מן התורה איז ער נישט טמא, אבער די חכמים האבן ארויפגעלייגט א גזירה, אז ווען א גוי רירט עפעס צו, ווערט עס טמא. פארוואס האבן די חכמים געמאכט די גזירה? זאגט די גמרא (שבת יז:), אז דער טעם דערפון איז, מען האט נישט געוואלט אז יודישע קינדער זאלן זיך חבר'ן צוזאמען מיט גוים. אמאל איז געווען שטארק טומאה מיט טהרה אין יעדע שטוב, און מען האט זיך אפגעהיטן שטארק אז מען זאל נישט צוקומען צו קיין טומאה, אז יא האט מען זיך געדארפט טובל'ן וכדומה, און מען האט נישט געקענט נוצן אלעס וואס איז דא אינדערהיים, האבן די חכמים געוואלט אז עס זאל זיין אפגעטיילט א יוד פון א גוי. עלטערע מענטשן קענען זיך אליין היטן, אבער פאר קינדער וועט זיין שווער זיך צו היטן פון גוים, אבער אז מען וועט וויסן אז ווען א גוי רירט צו, איז מען טמא, וועט מען שטיין פון דערווייטנס, און מען וועט נישט צורירן צו זיי. האבן די חכמים געזאגט, אז ווען א גוי רירט צו עפעס, איז עס טמא. און מיט די טומאה האבן זיי מטמא געווען די אויל וואס איז געווען אין בית המקדש, זיי האבן צוגערירט דערצו, איז עס טמא געווארן. אבער עס איז נאר געווען א טומאה דרבנן.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, ווי חשוב עס איז ביי אים די גזירה וואס מען האט גוזר געווען, אז ווען א גוי רירט צו עפעס, איז עס טמא, ווייל מען זאל זיך נישט חבר'ן צוזאמען מיט א גוי. האט דער אייבערשטער נישט געוואלט מען זאל מבטל זיין די גזירה, אז יעצט איז אנדערע אומשטענדן, און מן התורה דארף מען דאך צינדן די מנורה, און מען וועט אפשר פארקוקן אויף די ווערטער פון די חכמים. האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז עס זאל זיין אויל פון הימל, מען זאל נישט דארפן עובר זיין אויף דעם וואס מען נעמט אויל, וואס די חכמים האבן געזאגט אז מען זאל עס נישט נעמען. - און דאס איז געווען א געוואלדיגע חיזוק דעמאלטס פאר יודען, צו וויסן די הבדלה וואס עס דארף זיין צווישן א יוד און א גוי. און דער באשעפער האט געמאכט ניסים כדי זיך צו האלטן צו די תקנה.

**די** חכמים האבן פארשטאנען אז עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט חרוב ווערן דער בית המקדש, און מען וועט זיך ארומדרייען אין גלות, שוין באלד צוויי טויזענט יאר וואס מיר זענען אין גלות, פארווארפן פון איין גוי צום צווייטן גוי, פון איין אומה צו די אנדערע אומה, און מען וועט דארפן האבן אסאך שמירה אז מען זאל זיך נישט לערנען פון די וועגן פון די גוים, און נישט צו גיין אין זייערע דרכים. האבן די חכמים געזאגט, מען זאל מאכן א זכר אויף דעם נס חנוכה, מיר זאלן שטענדיג געדענקען, אז דער אייבערשטער האט געמאכט ניסים אין בית המקדש כדי מען זאל זיך האלטן צו ווערטער פון די חכמים, און נישט האבן קיין שייכות מיט א גוי.

**און** דאס איז דער לימוד אויף וואס מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען. מען לעבט אין א שווערע וועלט היינט, אין א וועלט וואס אמאל איז געווען די טומאה באהאלטן, און היינט איז עס אפן. עס איז נישט דא קיין שום גדרים, עס איז נישט דא קיין שום מחיצות וואס טיילן אפ, פון די פריוואטסטע זאכן ביז די אפענסטע זאכן, עס איז געווארן א וועלט וואס איז ערגער פונעם דור המבול. און אין דעם דור

דארפן מיר מחנך זיין אונזערע קינדער וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן. ווי חשוב עס איז די ארבעט וואס מען טוט, אריינצולייגן תורה און יראת שמים אין די יודישע טעכטער, אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע יודישע מאמעס, וואס זיי דארפן שפעטער ערציען זייערע קינדער, אז עס זאל קענען אנהאלטן דער כלל ישראל.

*

**עס** שטייט אויך פון פריערדיגע, אז עס איז דא אופנים וואס מען האט געקענט נוצן טמא'נע אויל אין בית המקדש. עס איז דא אן הלכה פון טומאה הותרה בציבור (יומא ו:), אויב גאנץ ציבור איז טמא, קען מען נוצן בטומאה אויך. און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געמאכט דעם נס פונעם שמן. ווייל אמת, מען קען נוצן טמא'נע אויל אויך, אבער דאס איז נאר ווען דער בית המקדש שטייט, אלעס פארט ווי געווענליך, און עס מאכט זיך א סיבה מען דארף עפעס האבן, מעג מען נעמען טמא'נע אויל אויך. אבער בשעת מען איז מחנך א בית המקדש, מען האט יארן נישט געטון די עבודה, און מען הייבט אן צוריק צו טון די עבודה. חינוך קען נישט זיין מיט קיין טומאה! מען קען נישט אנהייבן מחנך צו זיין מיט א דיעבד! מען האט נישט קיין ברירה מעג מען אזוי טון. חינוך פון א מקדש מוז זיין אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט אויפן בעסטן וועג ווי מען קען עס טון. דער אייבערשטער האט נישט געוואלט אז מען זאל זיך דארפן פארלאזן אויף היתרים, אז מען קען נוצן די טמא'נע אויל. ווייל דאס איז גוט אין מיטן יאר, ווען אלעס פירט זיך ווי געווענליך, אבער אז עס איז א צייט פון חינוך, חינוך מוז זיין מיט קדושה! מען קען נישט מחנך זיין יודישע דורות נאר ווען עס איז ערליך מיטן גאנצן ריינקייט. און אויף דעם האט דער אייבערשטער געמאכט דעם נס פונעם פך שמן, עס זאל בלייבן שטענדיג דער זכר פונעם שמן טהור, חינוך זאל זיין אייביג ריין.

**מען** זעהט אויך ביי חנוכה, אז עס איז דא נאך א הלכה פון מוסיף והולך. יעדן טאג צינדט מען מער. עס איז נישט גענוג ווי אזוי מען האט אויסגעזעהן מיט א יאר צוריק, צוויי יאר צוריק, מען דארף יעדעס יאר שטייגן. די קינדער דארפן שטייגן, די עלטערן דארפן שטייגן, מען דארף זיין שטענדיג א מוסיף והולך. ווי מען האט אנגעהויבן אנהייב פונעם יאר דארף מען נישט ענדיגן סוף פונעם יאר. סוף פון יאר דארף זיין מיט א העכערע מדריגה פון וואו מען איז געווען אנהייב.

**און** דאס איז די ארבעט פון די לערערינס, וואס זיי לייגן אריין תורה און יראת שמים מיט אלעס וואס עס פעלט אויס פאר די קינדער. - עס איז היינט אנדערש ווי עס איז געווען מיט יארן צוריק, און אפילו פון אונזערע יונגע יארן, ווי אזוי עס איז היינט. אמאל האט מען באקומען אסאך חינוך פון די שטוב, ניינציג פראצענט חינוך האבן קינדער באקומען פון טאטע און מאמע. סיי ווי אזוי זיי האבן זיך געפירט, סיי ווי אזוי זיי האבן געלערנט מיט די קינדער, מען האט זייער אסאך איבערגענומען פון עלטערן. עלטערן האבן זיך געטרויט צו זאגן, און מען האט פארלאנגט, און מען האט געפאדערט, און די סקול האט נאר געדארפט צוגעבן עס צו האלטן, צוצוגעבן אביסל לערנען וכדומה, אבער יודישקייט האט מען גענומען פון די שטוב.

**עס** איז היינט געווארן, אז מען האט אלעס ארויפגעווארפן אויפן סקול. עלטערן אין זייער אסאך שטובער האבן כמעט נישט קיין ווארט צו קינדער. זאגן א שטרענג א ווארט פאר א קינד, טאר מען דאך נישט. אלעס דארף זיין מיט זיידענע הענטשעך, און מען קען נישט אלעס זאגן. אז מען האט א פראבלעם מיט א קינד, רופט מען אן די טיטשער, און ביי א בחור רופט מען אן דעם מגיד שיעור, ער זאל קעי"ר נעמען דערפון. - ער איז נאר געשטעלט געווארן צו לערנען, ער איז נישט געשטעלט געווארן צו מחנך זיין די קינדער, דאס געהער פאר טאטע מאמע, אבער אזוי האט זיך עס אויסגעשטעלט.

**עס** איז היינט א גרעסערע פליכט פון מחנכות צו געבן ווארימקייט צו יודישקייט. ארויסברענגען די שיינקייט פון תורה, די שיינקייט פון יודישקייט, עס איז נישט דא קיין שענערע שטוב ווי א יודישע שטוב. עס עקזיסטירט נישט אין די וועלט, א שטוב זאל אויסקוקן, ביי דעם בעסטן גוי, ווי די איידלקייט מיט די ערליכקייט ווי אזוי א יודישע שטוב איז געבויט. א שבת, יעדן זיבעטן טאג פאר זיך, יעדן יום טוב, יעדע שמחה וואס קומט אונטער, עס איז א

אנדערע סארט ווי א גוי'אישע שטוב להבדיל אלף אלפי הבדלות. - אבער מען דארף עס אריינברענגען אין קינדער, זיי זאלן פארשטיין די שיינקייט פון תורה. עס איז נישט א עול, נישט מען לייגט ארויף אויף דיר, גיי נישט, קום נישט, טראג נישט. געבן צו פארשטיין, עס איז פאר דיין טובה. די אלע זאכן ווען נאר אראפפירן פונעם ריכטיגן וועג. און וואס מען טוט, איז כדי ארויסצוברענגען ביי דיר, דו זאלסט קענען בלייבן אן ערליכע יודישע נשמה.

**עס** איז דא אסאך קינדער וואס פעלט ליבשאפט פון די עלטערן צו זיי. נישט אז מען האט נישט ליב די קינדער, עס איז נישט דא דער וועג ארויסצווייזן די ליבשאפט. מען דארף דאך אמאל זאגן א שטרענג ווארט, אמאל שרייט מען אן. איז דא אסאך קינדער וואס זענען צוקלאפט אינעווייניג, פיזיש זענען זיי צוקלאפט, זיי באקומען נישט דעם סאפאר"ט אינעם שטוב וואס זיי דארפן צו האבן.

**די** לערערינס אין סקול קענען אסאך צוהעלפן דערצו. ארויסווייזן ליבשאפט צו א קינד. מען זעהט אמאל א קינד איז אראפגעקלאפט, צובראכן ביי זיך, אויפצוהייבן אים, פון צייט צו צייט נעמען א קינד און פרעגן ווי אזוי גייט עס ביי דיר, וואס טוסטו, וואס מאכסטו, ווי אזוי גייט די שטוב, פעלט דיר עפעס, קען מען דיר העלפן. מען קען מיט א ווארט אסאך מאל אזוי אויפהייבן א קינד, אז מען האט אפילו נישט קיין השגה וואס מען האט געטון.

**מען** קען זיך נישט אפגעבן מיט יעדן קינד, און אסאך קינדער זעהט מען אז זיי זענען לעבעדיג ב"ה, עס פעלט זיי גארנישט און מען דארף גארנישט טון. אבער ווען מען זעהט יא, אז א קינד פארלאנגט עס, די ביסל ליבשאפט וואס מען גיט פאר א קינד, דאס האלט אים, און דאס איז נאך א חלק פון די עבודה פון היינט, וואס איז געווארן, וואס עס איז קיינמאל נישט אזוי געווען, אבער אין די היינטיגע וועלט פארלאנגט זיך דאס אויך. וואס מען קען מחזק זיין א קינד אין סקול, ארויסהעלפן אלע זייטיגע פראבלעמען וואס זי האט. עס איז נישט אזוי שווער, ווי יעדן טאג צו נעמען איין מיידל, סוף פונעם טאג, פרעגן ווי אזוי גייט דיר אלעס, דארפסטו הילף, קען איך דיר ארויסהעלפן, ווילסט זיך אויסרעדן. טרעפן א וועג אז דאס מיידל זאל קענען ארויסגעבן פאר וועם זי איז נאנט, איינע פון די טיטשערס ביי וועם זי לערנט, ארויסגעבן אויב עס קוועטשט איר עפעס.

*

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ווען יעקב אבינו איז אראפגעגאנגען אויף מצרים, האט ער מורא געהאט. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אנכי ארד עמך מצרימה, איך וועל מיט דיר אראפגיין, ואנכי אעלך גם עלה, איך וועל דיך אויך ארויפברענגען פון מצרים. ווען יעקב אבינו איז נסתלק געווארן, האט מען אים צוריק ארויפגעטראגן אויף ארץ כנען, ויוסף ישית ידו על עיניך, און יוסף וועט לייגן זיינע הענט אויף דיינע אויגן (בראשית מו-ד). יעקב אבינו האט פארשטאנען, מען רעדט פון א גלות מצרים, ער גייט יעצט אראפ מיט זיין גאנצע משפחה, אלע זיבעציג נפשות וואס ער האט. ער גייט אראפ אין מצרים וואס דאס איז געווען דאס געמיינסטע פלאץ אין די וועלט אין יענע צייטן, אזוי שטייט אין מדרש (ויק"ר לב-ה). און ער האט געציטערט, ווי אזוי קען איך אויפציען קינדער אין א ארץ מצרים, זיי זאלן זיך קענען האלטן ערליך. יעקב איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאן, וואס וועט זיין מיט מיינע קינדער און אייניקלעך דארטן, ער האט מורא געהאט אראפצוגיין.

**דער** אייבערשטער האט אים געזאגט, האב נישט קיין מורא, איך פארלאז נישט כלל ישראל קיינמאל. אנכי ארד עמך מצרימה, איך וועל מיט דיר אראפגיין צוזאמען אויף מצרים, איך וועל זיין דארטן, אין וועלכן גלות מיר זענען, איז דער אייבערשטער צוזאמען מיט אונז! און דער אייבערשטער פארלאזט אונז נישט! ווען עס איז דא שווערע נסיונות איז דא מער הילף פונעם אייבערשטען, שוואכע נסיונות איז דא ווייניגער הילף. אנכי ארד עמך מצרימה, איך וועל אראפגיין מיט דיר צוזאמען אויף מצרים, ואנכי אעלך גם עלה, איך וועל דיך דארט דערהייבן. אין אמעריקא, אין דעם ערות הארץ, אין מצרים, האבן מיר די כוחות הנפש וואס דער אייבערשטער גיט אונז יא, אונז קען מיר ערציען ערליכע יודישע דורות אזוי ווי עס איז געווען אמאל. מיט אלע שוועריקייטן וואס מען האט, דארף מען שטענדיג געדענקען אז עס איז דא א הילף פונעם אייבערשטען, דער באשעפער איז צוזאמען מיט אונז.

**און** דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב, ויוסף ישית ידו על עיניך, יוסף וועט לייגן זיינע הענט אויף דיינע אויגן. יעקב האט געקוקט מיט זיינע אויגן אויף ווייטנס, וואס וועט זיין מיט מיינע קינדער, ווען ער קומט אויף מצרים? דער אייבערשטער האט אים געוויזן א מוסטער, ער האט אראפגעשיקט קודם יוסף אויף מצרים, און יוסף איז בייגעשטאנען אלע נסיונות וואס ער האט געהאט אין מצרים, און ער איז אויסגעוואקסן א יוסף הצדיק, וואס ער איז געווען די העכסטע פון אלע שבטים. יוסף האט דער אייבערשטער געוויזן פאר א סימבאל פאר יעקב, ער דארף נישט מורא האבן פון מצרים, מען קען אין מצרים אויך וואקסן ערליך, עס קען זיין א יוסף וואס זאל אויסוואקסן אין מצרים. 'ויוסף', דו וועסט קוקן די בילד פון יוסף, 'ישית ידו', ער וועט לייגן זיינע הענט, 'על עיניך', פארמאכן דיר די אויגן, האב נישט מורא פון וואס דו קוקסט ווייטער.

**אונז** דארף מיר וויסן, אונז האב מיר געוואלדיגע כוחות, און סייעתא דשמיא. דער אייבערשטער פארלאזט אונז נישט, ווען מיר וועלן טון וואס מיר קענען טון פאר אונזערע קינדער, וועלן זיי אויסוואקסן פיין און ערליך און יודיש. מען דארף זיך נישט דערשרעקן פון די שווערע נסיונות וואס מען האט אין די היינטיגע צייטן.

*

**עס** שטייט ביי יוסף אליין. ווען יעקב איז געקומען, און ער האט זיך געטראפן מיט אים, שטייט אין פסוק (בראשית מו-כט), אז יוסף איז געפאלן אויפן האלדז פון יעקב, און ער האט געוויינט. רש"י זאגט, אז מען געפונט נישט אז יעקב זאל פאלן אויפן האלדז פון יוסף. זאגט רש"י, ווייל ער האט געליינט קריאת שמע, און בשעת מען ליינט קריאת שמע רעדט מען צום אייבערשטען אליין, האט ער זיך נישט אפגעגעבן מיט יוסף. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער פשט דערפון איז, יעקב האט נישט געוואוסט ווי אזוי דער יוסף קוקט אויס, צוויי און צוואנציג יאר אוועק פון שטוב, א משנה למלך אין מצרים, ער איז געווארן א ווייס-פרעזידענט דארטן אין מצרים, וואס ווייס איך ווי אזוי ער פירט זיין שטוב. איז ער ערליך, זענען זיינע קינדער ערליך, ווי אזוי קען ער זיך האלטן איין מענטש אליין, איין משפחה, אזויפיל יארן אין מצרים? ער קען נישט געבן א קוש פאר א קינד, וואס ער ווייסט נישט אז דאס קינד איז ערליך, ער קען עס נישט טון. יוסף קען קושן יעקב, ער ווייסט אז יעקב איז ערליך, אבער יעקב האט נישט געגעבן א קוש פאר יוסף, ביז ער וועט נישט וויסן וואס פון דעם יוסף איז אויסגעוואקסן.

**און** פון ווי נעמט מען אזעלכע כוחות הנפש נישט צו געבן א קוש פאר א קינד, ווייל מען ווייסט נישט וואס דאס קינד איז? יעקב האט געליינט קריאת שמע. ביי קריאת שמע זאגט מען, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, מען דארף ליב האבן דעם אייבערשטען. און אז מען פירט זיך אויף ווי אזוי דער אייבערשטער וויל, האט מען ליב דאס קינד. און אז נישט, האט מען נישט ליב דאס קינד. א קינד קען מען אויך נישט אייביג ליב האבן, ווען ער גייט אויפן ריכטיגן וועג, דעמאלטס איז דא די ריכטיגע אהבה.

*

**מיר** האבן די כוחות הנפש אז דער באשעפער זאל אונז געבן אונז זאל מיר קענען ערציען אונזערע דורות. און די מחנכות, די לערערינס, האבן באקומען די זכיה פונעם אייבערשטען אז זיי קענען זיין די וואס טוען עס. עס איז נישט דא קיין געלט וואס קען באצאלן די ארבעט וואס עטץ טוטס! די ארבעט וואס עטץ טוטס האט נישט קיין שיעור! יעדעס קינד וואס מען האט אויפגעבויט, האט מען אויפגעשטעלט א גאנצע וועלט, א גאנצע משפחה, וואס ברבות הימים איז דאס קינדער מיט אייניקלעך און אור-אייניקלעך און אור-אור-אייניקלעך, און אלעס איז די זכותים פון די וואס האבן עס געהאלפן.

**אמאליגע** צייטן איז אינגאנצן נישט געווען קיין בית חינוך פאר מיידלעך. מען איז אויפגעוואקסן אין שטוב, טאטע מאמע האבן ערצויגן א יודישע טאכטער. מען איז געקומען אויף אמעריקא האט זיך עס געטוישט. אלע גדולי ישראל האבן פארשטאנען אז מען קען נישט היינט אנדערש, און מען מוז האבן א בית חינוך וואס זאל צוהעלפן דערצו. אויב דאס איז געווען וויכטיג מיט זיבעציג יאר צוריק, ווי וויכטיג איז עס היינט! וואס די שוועריקייטן וואס איז דא היינט, וואס פון יאר צו יאר ווערט שווערער די ארבעט פון קענען האלטן יודישע טעכטער אויפן ריכטיגן וועג.

**און** אז מען האט די זכיה אז מען קען עס טון, און מען העלפט איינער פארן צווייטן, איש לרעהו יאמר חזק, איינער העלפט ארויס פארן צווייטן. איך ווייס אז עס איז נישט גרינג, עס איז געווען אסאך שוועריקייטן, און יעדער איינער פון ענק האט צוגעלייגט א האנט ארויסצוהעלפן. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל האבן ברכה אין די עבודת הקודש וואס מען טוט. דער באשעפער זאל ענק אלע בענטשן אין ענקערע שטובער, מען זאל קענען ערציען ענקערע קינדער און ענקערע דורות אויפן ריכטיגן וועג, אונז זאל מיר אלע בקרוב זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג וחזר להחתונה של בן הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה יעקב שאלאמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אהל לאה.

*

*יום חמישי פרשת ויגש*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה יעקב שאלאמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה יונתן גרינצוויג** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו זכרון יהודה. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז יוסף האט געזאגט פאר די ברודערס, והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין, כי פי המדבר אליכם (בראשית מה-יב), ער הייבט אן 'עיניכם רואות', ענקערע אויגן זעהן, און ער ענדיגט כי 'פי המדבר' אליכם, אז מיין מויל רעדט צו ענק. דאס קומט צו שמיעה, דאס קומט נישט צו ראיה. וואס איז דער עיניכם רואות כי פי המדבר אליכם. רש"י שטעלט זיך שוין דערויף. רש"י טייטלט עס אפ, והנה עיניכם רואות איז איין זאך, און כי פי המדבר אליכם איז א צווייטע זאך. עיניכם רואות אז ער איז נימול. און כי פי המדבר אליכם, איך רעדט לשון הקודש. ער האט געגעבן צוויי סימנים אז ער איז יוסף.

**כמדומה** אז עס שטייט אין **חתם סופר** (בפרשתנו רכא.), אז יוסף האט געזאגט אז ער איז מהול, גאנץ מצרים האט זיך דאך גע'מל'ט. יוסף האט דאך געזאגט אז יעדער דארף זיך מל'ן, און פרעה האט געזאגט, אז מען דארף טון וואס יוסף האט געהייסען (ב"ר צא-ה), וואס איז געווען די ראיה אז ער איז גע'מל'ט. איך מיין אז דער חתם סופר זאגט, אז מען קען דערקענען צו א מענטש איז נולד מהול, צו מען האט אים גע'מל'ט שפעטער. און יוסף איז געווען א נולד מהול, און מען האט געקענט דערקענען אז ער איז אנדערש פון די מצריים.

**מען** ווייסט, אז עס איז דא צוויי בריתים, עס איז דא ברית קודש, און עס איז דא ברית הלשון. און עס איז מכוון איינס אקעגן די אנדערע. ווען א מענטש איז גע'מל'ט, און ער גיט זיך אכט אויף זיין ברית קודש, גיט ער אכט אויף זיין רעדן אויך. די צוויי בריתים זענען מכוון איינס אקעגן דאס אנדערע. מילה איז בגימטריא פינף און אכציג, אזוי ווי פ"ה. די צוויי זאכען זענען מכוון איינס אקעגן דאס צווייטע.

**אז** מען זאל קענען רעדן א לשון פון קדושה, צו קענען רעדן הייליג, עס זאל זיין אפגעהיטן דאס ווארט וואס מען רעדט, עס זאל נישט זיין אזוי ווי א גוי רעדט, עס זאל זיין מיט א קדושה, דאס ווענדט זיך ווי אזוי מען איז גע'מל'ט. די קדושה פון מילה ברענגט אז מען זאל קענען האבן די קדושה פון ברית הלשון. א גוי קען זיך אויך מל'ן, אבער עס איז נאר אזוי ווי א בהמה וואס מל'ט זיך. עס האט גארנישט צו טון, די מילה וועט אים נישט טויגן, אז זיין צונג, זיין שפראך, זאל ווערן א אנדערע שפראך פון וואס עס איז געווען פאר דעם. א יוד ווען מען מל'ט, לייגט עס אריין א קדושה אינעם גוף, אז ער רעדט אנדערש פון א גוי.

**יוסף** האט זיי געזאגט, הנה עיניכם רואות שאני מהול, איך בין גע'מל'ט אזוי ווי ענק. וועסטו דאך זאגן, אז עס איז נישט קיין ראיה, דער גוי איז אויך גע'מל'ט. אבער עס איז כי פי המדבר אליכם, איך

רעד מיט א לשון פון קודש, מיין שפראך איז נישט קיין חולין'דיגע שפראך, מיין שפראך איז נישט אזוי ווי א גוי רעדט, איך רעד הייליג, און דאס איז א סימן אז איך בין גע'מל'ט אזוי ווי ענק. איך בין א יוד, און די ברית מילה האט אריינגעלייגט אין מיר דעם כח אז מיין דיבור זאל אויך זיין מיט קדושה. והנה עיניכם רואות, עטץ זעהטס שאני מהול, ווערסטו דאך זאגען עס איז נישט קיין ראיה, אבער קוקטס כי פי המדבר אליכם, ווי אזוי איך רעד בלשון הקודש, מיין לשון איז א קודש'דיגע לשון, פון דעם וועט עטץ זעהן אז איך בין גע'מל'ט אזוי ווי ענק.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. בתחלת השיעור פנה **רבינו שליט"א** להבחורים ואמר: פאר איך לערן פאר, האב איך געוואלט זאגען א ווארט. די גמרא (יומא פו.) זאגט, ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטען, עס איז א מצוה פון אהבת ה'. און נישט נאר אין הארץ האב ליב דעם אייבערשטען, נאר אהבהו על הבריות, פיר דיך אזוי אויף, אז דו זאלסט באליבן דעם אייבערשטענס נאמען אויף דעם וואס זעהט דיך. די גמרא זאגט, אז מען זאל רעדן בנחת, דיבורו עם הבריות בנחת, זיך אויפפירן ארענטליך, מיט דעם טוט מען באליבן דעם אייבערשטענס נאמען. ח"ו פארקערט, איז מען מחלל, עס איז פארקערט פון אהבת ה'. ווען א מענטש פירט זיך אויף ארנטליך כלפי אנדערע, איז עס א מצוה פון אהבת ה'.

**כלפי** מה הדברים אמורים, וואס וויל איך אויסברענגען. עס האט מיך גערופן די וואך א יוד, און ער האט מיר געזאגט, אז זיין טאטע האט געוואוינט דא אקעגן איבער, און ער איז אוועק מיט דריי וואכן צוריק, און די בחורים זענען ארויפגעקומען צום דאווענען. איך וויל זאגען, אז **איך האב נאכנישט געזעהן אזעלכע איידעלע בחורים, ווי איך האב געזעהן אין די ישיבה.** זייער באנעמונג, ווי אזוי זיי האבן גערעדט, ווי אזוי זיי האבן געדאווענט, אז איך האב געפילט אז איך דארף אויפהייבן א טעלעפאון און זאגען פארן ראש ישיבה, ווי אזוי די בחורים האבן זיך אויפגעפירט. און טאמער דער ראש ישיבה קען מיר איבערגעבן די רעסיפ"י, ווי אזוי מען מאכט עס, וואלט איך עס געוואלט האבן... - איך וויל ארויסברענגען דעם אהבהו על הבריות, דאס איז טייטש אהבת ה'. אז מען זאל קענען זאגן אשרי רבו שלמדו תורה, אשרי אביו וואס האט מגדל געווען אזא קינד. עס איז א עקסטערע חיוב בשעת א מענטש איז אינדרויסן צווישן אנדערע, זיך אויפצופירן אז עס זאל באליבט ווערן דעם אייבערשטענס נאמען דורך אים.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה והתפלל שם תפלת מנחה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת פריעדמאן שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **חיים שלמה פריעדמאן** ע"ה).

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **משה דוב טויב** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **יצחק יעקב כייעס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה זאב לאנדא** ע"ה, שהתקיים באולם ראחמיסטריווקא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***שבת קודש פרשת ויגש***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** אב"ד טארניגראד.

לפני תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** בחברת תהלים של ילדי קהלתנו הק', **רבינו שליט"א** דיבר לפניהם במעלת אמירת תהלים, ובפרט על ידי הבל פיהם של תינוקות של בית רבן. ועורר על חשיבות אמירת סדר קדושה שאי אפשר לאומרם אלא בעשרה. וביקש מהם לעמוד ליד אביהם בעת אמירת ברכו וקדושה בעת התפלה.